ביטערליכער געוויין. אויף זיין וואונדער האט מען אים גענטפערט אז דארט געפינט זיך א מקשה לילד.

אויפן ארט האט ר' יוסף דוב זיך אנגערופן "עס שטייט דאך אין תהילים "פתחת שקי ותאזרני שמחה" אויב וועט מען "ותאזרני שמחה" מען וועט זיך איינהילן אין פרייד דאן וועט דער באשעפער העלפן און עס וועט זיין "פתחת שקי", די ישועה וועט באלד קומען."

די ווערטער וועלכע זענען געזאגט געווארן מיט אזא פייערדיגער ברען האבן אויפן ארט וואונדערליך געווירקט, אין די צייט וואס בלויז פאר עטליכע מינוט האט דארט געהערשט אן אנגעצויגנקייט און שרעק, אט זיך אין עטליכע מינוט גענצליך געטוישט דער אטמאספער. עס איז געווארן רואיג און פריילעך. און ווירקלך, ביז א קורצע צייט זענען זיי געהאלפן געווארן, אזוי אז עס איז שוין איינמאל געווארן א ריכטיגער "ותאזרני שמחה".

דאס איז נישט געווען קיין מופת, נאר בלויז די ערליכקייט און תמימות מיט וועלכע די ווערטער זענען געזאגט געווארן, זיי האבן גלייך געברענגט די געוואונטשענע רעזולטאטן.

## דער התדבקות צו צדיקים.

א ספעציעלער ווינקל פאר זיך איז ווערד אט דער טייל פון ר' יוסף דוב'ס צוגעבונדנקייט צו צדיקים. ער האט געזען דערין א וויכטיגער טייל, צו פארן צו צדיקים, זיין נאנט צו זיי און זיך אנשעפן פון זייערע הייליגע קוועלער מיט א וועג אין עבודת ה' און יראת שמים.

ווען דער הייליגער סאטמאר'ער רב זי"ע איז נאך געווען א יונגערמאן, האט ער זיך באזעצט אין די שטאט סאטמאר אין אלול תרס"ו. בלויז א ענגער מנין אידן האבן זיך דאן צוגעשארט צום צדיק, וועלכע זענען געקומען דאווענען בים רבי'ן אין הויז. גארנישט מעגליך פארצושטעלן די געוואלדיגע דערהויבנקייט וואס האט ארומגענומען דעם קליינעם צאל מתפללים. דער הייליגער אטמאספער, דעם רבינ'ס כוחות וואס זענען ארייגעלייגט געווארן אין יעדער תפילה באזונדער, וועלכע איז געדאוונט געווארן מיט אזא רואיגקייט. יעדער האט געהאט געהעריג פלאץ, גארנישט קיין געדרענג, דאס איז געווען עפעס וועלכע איז קיינמאל נישט פארגעסן געווארן פון אט די אידן וועלכע האבן געהאט די זכיה דארט אנטייל צו נעמען.

אבער גאנץ שנעל איז באוואוסט געווארן איבער די געהויבענע תפילות וואס ווערן געדאוונט דארט אינעם הייליגן הויז. פון די געציילטע מיטדאווענערס איז שנעל פארוואנדלט געווארן אויף פיל א גרעסערער עולם וועלכע זענען זיך צוזאמגעלאפן מיטצוהאלטן די הייליגע